בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** זצ"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס י"ג, פרשת במדבר - נשא, תשע"ח

# תוכן הקונטרס

## שיחה בענין קימת חצות לבחורי ישיבות, ומדת הצנע לכת.

(טבת, תשל"ד)

♦

## חלק משיעור שנאמר בעת נעילת החג אחרון של פסח

**לרגל סיום מצות ספירת העומר וימי חג השבועות הבעל"ט**

(אחרי, תשל"ו)

♦

| |
|---|
| להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו |
| **(+1)-641-715-3800** ואחר כך **#718920** |
| לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **113** |

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

בס"ד

# ~ טבת, תשל"ד ~

## שיחה בענין קימת חצות לבחורי ישיבות, ומדת הצנע לכת.

### בבית חתנו רבי מרדכי לסקר ז"ל, בבני ברק

(טייפ מס' 7#)

ס'איז פארהאנען - מען רופט עס אן "מסירת נפש"! באמת איז עס דאך 'מסירת הגוף'?! מען שלאגט איהם פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן, מען הרג'עט איהם, איז עס דאך 'מסירת הגוף', ער גיבט דאך אוועק דעם 'גוף', נישט דעם 'נפש', פארוואס רופט מען עס אָן 'מסירת נפש'?!

אז איינער לאזט זיך שלאגן - ער גיבט אוועק דעם 'גוף'! ער איז מפקיר דעם גוף זיינער! פארוואס רופט מען עס אן 'מסירת נפש'? נפש איז דאך די נשמה, די נשמה גיבט ער דאך נישט אוועק, פארקערט - די נשמה וועט דאך זיין נאך העכער, ער לאזט זיך הרג'ענען פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן, וועט די נשמה ווערן נאך העכער, פארוואס הייסט עס 'מסירת נפש'?!

(נאר) עס איז פארהאנען אמאל, אז צדיקים האבן געטוהן זאכן וואס - - עס קומט אמאל אָן א זאַך, א מענטש קומט איהם אָן א זאַך צו טוהן - איז ער מפקיר די צייט! אין די צייט וואלט ער געקענט דינען דעם אויבערשטן, דאווענען, לערנען! גיבט ער דאס אויך אוועק!! פארוואס? ווייל ער וויל טוהן א רצון פאר'ן אויבערשטן! קומט אוים, אז נישט נאר - ער גיבט אוועק דעם 'גוף', ער גיבט אויף דעם 'נפש' אויך, די 'נשמה'!!!

דער רבי ברענגט דארטן אין די מעשה פון 'בערגער ועני'[א], דער בערגער איז אריין צום יעדניראל אין שטוב אריין - דאס איז דער 'אבי אבות הטומאה', דער 'פגם הברית', און האט ארויסגענומען פון דארטן א 'נשמה'!

---

[א] ספר סיפורי מעשיות, מעשה י'.

דער 'בערגער' איז דאך מרמז אויף 'משיח', "ההרה המלט"[ב] מיינט מען משיח, אזא מין הויכע סארט - - לאזט ער זיך אריין, כדי צו ראטעווען א נשמה, גייט ער אריין צום יעדניראל אין שטוב אריין, און נעמט ארויס דעם ארימאן'ס ווייב, דאס איז ממש - ער איז מפקיר זיין נפש!! ער קען דאך זיין דבוק אין די עולמות, אין די הויכע עולמות, און כדי צו ראטעווען א נשמה, געבט ער אוועק דעם נפש אויך!!

קענען וואס זאגן מיר דא?! איך האב געוואלט זאגן אז 'מסירת נפש' הייסט נישט נאר דעם גוף אוועקגעבן, נאר אפילו דעם נפש אויך אוועקגעבן - די נשמה אוועקגעבן!

איר געפונט זיך איצטערט אין א ישיבה (מדבר לפני כמה בחורים מתלמידי ישיבת ברסלב בני ברק), די ישיבה ווערט אנגערופן 'על שם רבינו', אויפ'ן רבי'נס נאמען! - - איך בין געווען אין אייערע יארן, איך בין געקומען קיין אומאן, בין איך אלט געווען זיבעצן יאר, איך בין געווען א אינגל פון זיבעצן, אין אומאן איז נישט געווען וואס דא איז דא, דא ברוך השם איז דא עסן, טרונקען, און אלעס! אין אומאן איז דאך געווען אן ארימקייט, א עניות ודחקות, ס'איז נישט געווען גארנישט! ס'איז נישט געווען - ס'איז געווען קאלט, און ס'איז נישט געווען וואס צו עסן, נישט געווען וואס צו טרינקען, קיין ביסלווארעם וואסער איז נישט געווען אז מ'זאל קענען אביסל א שטיקל טרוקן ברויט איינטונקען - מען זאל עס קענען קייען! ס'איז געווען א געוואלדיגע דחקות ועניות.

אבער פונדעסטוועגן, יעדער איינער איז אויף איהם געליגן א 'חוב' אז ער זאל מהדר זיין די נאמען פונעם רבי'ן! דעם רבי'נס זאך זאל האבן ביי איהם אַן 'הידור'! ער איז געקומען מהדר זיין - אפילו א ספר שענער מהדר זיין, דאס הייסט מהדר זיין דעם צדיק.

דא איז דא א ישיבה, די ישיבה ווערט אנגערופן על שם רבינו: "ברסלב'ער ישיבה"! אז מען דערמאנט דעם ברסלב'ער ישיבה הייסט עס אויפ'ן רבי'נס נאמען! די לעצטע צייטן האט מען אנגעהויבן מער צו רעדן אויף די ישיבה, איך ווייס נישט צו ס'איז ליגנט צו ס'איז אמת - איך ווייס נישט, אבער ס'איז געווארן דא א קול - וואס מען רעדט, און אין דעם רעדן איז דא אסאך סארטן רעדן, איינער רעדט

[ב] עי' ברמזים שבסוף המעשה שם.

פשוט גראבע זאכן, איז אוודאי נישט שיין, איינער הייבט אָן רעדן אפילו נישט גראבע זאכן, נאר ער זאגט זאכעניש ן, אבער דאס פאסט אויך נישט!

למשל - איר זענט איצטערט נתעורר געווארן אז איר זאלט זיך לייגן שלאפן פרי, און אויפשטיין ביינאכט 'חצות'[ג], דאס איז א גוטע זאך, אלעס איז גוט, אבער נאר וואס דען? דער סדר פון ישיבה טאר נישט ווערן געשטערט!

אין 'ווארשע' איז געווען א ישיבה, רבי אלחנן (- ספעקטאר זצ"ל) איז געווען דער ראש הישיבה, מען האט עס גערופן 'מתיבתא', אונזער'ס א ישיבה, ס'איז א ברסלב'ער ישיבה! מסתמא האבן זיי געהיטן דעם רבי'נס זאכן, אבער אויפ'ן סדר איז ער געווען א געוואלדיגער מקפיד, "אזוי איז דער סדר", דער 'סדר' טאר נישט זיין קיין שום אויסנאם!

למשל, אז איר ווילט אויפשטיין חצות, קענסטו זיך לייגן שלאפן, און שלאפן צוויי שעה און אויפשטיין חצות - איז אוודאי גוט, קענסטו קיינעם נישט שטערן, העט עס זיין אביסל א שלעפעריגע חצות, וועסטו שפעטער אפנעמען דעם שלאף! חצות ענדיגט זיך היינט פאר האלב צוויי[ד], קען מען שלאפן פון האלב צוויי ביז זעקס - ביז האלב זעקס - קען מען שלאפן 'פיר פינף' שעה, און פאר חצות 'צוויי' שעה, קען מען שלאפן (בסך הכל) זעקס זיבן שעה, און די סדר איז א 'סדר'!

אבער למשל, אז איר - - איר הייסט דאך היינט דארט די מצויינים, אויף אייך קוקן שוין אנדערע בחורים אויך, און אז איר - בשעת מ'דארף האבן א 'סדר' דעמאלטס לייגט איר זיך שלאפן, דאס קלאפט אוים - ס'נעמט אראפ דעם 'שיין' פון די ישיבה! דאס איז שוין אויך אנגעקומען צו מיר די זאך...!! און ס'איז נישט ריכטיג אויך, כאטש דאס איז דאך א ענין פון 'נפש', פאר דיין 'נשמה', אבער דער סדר פון א ישיבה מוז האבן א סדר!!

איר ווילט אויפשטיין חצות?! קענט איר שלאפן צוויי שעה פאר חצות, און אויפשטיין, און נאך חצות שלאפן פיר שעה, אזוי (אלמלא סדר הישיבה) - קענט איר

---

[ג] שיחות הר"ן סי' ש"א: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר שֶׁעִקַּר עֲבוֹדַת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא בַּחֹרֶף לָקוּם בַּחֲצוֹת לַיְלָה וכו'.

[ד] בלקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט: ...וְעִקַּר חֲצוֹת הוּא תָּמִיד אַחַר שִׁשָּׁה שָׁעוֹת מִתְּחִלַּת הַלַּיְלָה הֵן בַּקַּיִץ וְהֵן בַּחֹרֶף, וְאָז מַתְחִיל זְמַן חֲצוֹת, וְנִמְשָׁךְ עַד גְּמַר אַשְׁמוּרָה שְׁנִיָּה, דְּהַיְנוּ שְׁתֵּי שָׁעוֹת...

ווען אויפשטיין חצות, און זיין אויף מערער, נאך א שעה, אבער אזוי - אז עס ענדיגט זיך די צייט חצות לייג איך זיך שלאפן, פון האלב צוויי ביז זעקס אזייגער - 'פיר א האלב שעה', און פאר חצות 'צוויי שעה'!

ווילט איר שלאפן פאר חצות 'פינף שעה', וועט איר האבן א אויסגערוהטן חצות?! אבער עס שטערט אבער די ישיבה סדר! דאס קען אנקומען צו טאטע'ס, און די טאטע'ס וועלן שרייען גיוואלד! דאס איז נישט קיין ישיבה!

איי, וואס איז געווען אין אומאן?! איז געווען אזוי, אין אומאן איז נישט געווען קיין 'ישיבה', ס'איז געווען בחורים (שלמדו בעצמם בלי מסגרת של ישיבה), ס'איז א ישיבה געווען אין אומאן?! דא איז דאך א ישיבה! א ישיבה איז דאך אינדרויסן, אינדרויסן רעדט מען - מען שמועסט.

די עבודה פון חצות איז ביי מיר אויך זייער חשוב, איך בין נישט דער 'משגיח'... איך בין ברוך השם אנגערופן אויף דעם נאמען (של רביז"ל) גלייך מיט אייך, און איך וויל די זאך אויך גלייך מיט אייך!

איך ווייס אז מען פלעגט אזוי טוהן, אזוי ווי איך זאג, מען פלעגט שלאפן פאר חצות צוויי שעה, און נאך חצות פיר שעה, צו פיר א האלבן שעה! (אפילו באומאן שלא היה שם סדר ישיבה, וכדלהלן).

דער שלאף איז אזוי, דער שלאף וויאזוי מען געוואוינט איהם - אזוי איז ער, למשל איינער איז מורגל צו שלאפן 'דריי שעה' און 'דריי שעה', (דהיינו;) דריי שעה פאר חצות און דריי שעה נאך חצות, ער איז מורגל אזוי, נאכדעם אז ער וועט שלאפן זעקס שעה איז ער נישט אויסגערוהט - מיטאמאל ווערט ער שלעפעריג! דער גוף איז אזוי געוואוינט, וויאזוי מען געוואוינט איהם אזוי איז ער, העסט פרואווען אמאל, איך ווייס ביי זיך אז ס'איז אזוי, טאמער מאכט זיך אמאל איך געב א שלאף מערער, דעם (זעלבן) סכום שלאף, נאר ווייל איך האב זיך נישט צוגעלייגט זיך נאכאמאל בין איך נישט אויסגערוהט!

זעהען מיר אז דער גוף קען מען איהם מרגיל זיין, אזוי ווי מען איז איהם מרגיל אזוי איז ער! איר וועט אייך מרגיל זיין, די ערשטע נעכט וועט זיין שווערער, די חצות וועט זיין אביסל פארשלאפן, אבער נאכדעם וועט זיין גלייך!

ווען ענדיגט זיך דער סדר, ניין אזייגער, האלב צעהן? (הבחורים: צעהן אזייגער!), נו האלב צעהן קען מען שוין גיין - קען מען שלאפן צוויי שעה, מ'שלאפט ביז האלב צוועלף, און מען איז אויף ביז האלב צוויי, און מען לייגט זיך צוריק שלאפן, און מ'שלאפט א שינת קבע ביז זעקס אזייגער - פיר א האלב שעה! איר וועט פרואווען עטליכע נעכט, די ערשטע נעכט וועט זיין אביסל שלעפעריג...

*

(השואל: דער רבי האט געזאגט אז מען שטייט אויף אינמיטן נאכט זאל מען זיך נישט צוריק לייגן?!)[ה] דאס מיינסטו דאס?! דאס האב איך געזעהן ביי אונזערע לייט, האב איך געזעהן מען האט זיך צוריקגעלייגט, אלע, אפילו רבי אברהם ר' נחמנ'ס! איך בין געווען מיט איהם צוזאמען, א גאנצע ווינטער געשלאפן אין איין חדר, ער האט זיך צוריקגעלייגט נאך חצות! זומער נישט, 'זומער' קען מען אויספירן די זאך מען זאל זיך נישט צוריקלייגן![ו]!

אפילו רבי אלחנן האט מיר פארציילט, פון די 'חוזה' (מלובלין זצ"ל), ווינטער האט ער זיך צוגעלייגט נאך חצות, ער זאל קענען זיין פריש צום דאווענען!

אפילו רבי נתן האט זיך אויך צוגעלייגט נאך חצות! אין די פריערדיגע יארן נישט, שפעטער האט ער זיך צוגעלייגט נאך חצות! די דורות ווערן שוואכער, און דער גוף איז שוואך, ער קען נישט האלטן - מאכן איין צו פון פיר - פינף שעה, ער קען נישט! זומער איז גוט, זומער האט מען חצות און מען האט גלייך א דאווענען, ווינטער איז שווער, ווינטער איז אסאך צייט דא פון די חצות, פון ווען עס ענדיגט זיך חצות ביז'ן 'נץ' איז דא פינף שעה, פינף שעה - פון האלב צוויי ביז האלב זיבן, אפשר מער ווי האלב זיבן, פינף שעה איז א גרויסע זמן, לייגט מען זיך שלאפן דערנאך (אחר שעתיים של חצות)!

מען האט זיך ביי אונז כסדר געפירט אזוי, מען פלעגט אויפשטיין אלע נאכט חצות, און מען האט זיך צוגעלייגט נאך חצות, פארקערט - נאך חצות בין איך

---

[ה] עי' אבני"ה ברזל, שיחות וסיפורים מרביז"ל אות ל"ג: ... עוֹד אָמַר: אַז מֶען כַאפְּט זִיךְ אוֹיף, בֶּעדַארְף מֶען זִיךְ אוֹיף הֵייבְּן, אוּן מִיט דֶעם שְׁלָאף בֶּעדַארְף מֶען זִיךְ אָפּ רֶעכֶענֶען נָאךְ דֶעם דַּאוֶונֶען. (כְּשֶׁמִּתְעוֹרְרִים צְרִיכִים תֵּיכֶף לָקוּם, וְעִם הַשֵּׁנָה לְהִתְחַשֵּׁב לְאַחַר הַתְּפִלָּה).

[ו] כי אז זמן חצות (- ו' שעות אחר תחלת הלילה) מגיע סמוך לאור היום.

געשלאפן נאכמער ווי פאר חצות, נאך חצות געשלאפן נאכמער שעה'ן ווי פאר חצות! פארוואס?! ווייל כאטש מיר האבן זיך יא געקענט לייגן זיך שלאפן פריער, אבער ס'איז אנדערע זאכן געווען ביי אונז, מען האט דעמאלטס נישט געהאט וואס צו עסן אויף דער נאכט, מען האט געדארפט ארומלויפן באקומען א שטיקל ברויט וואס צו עסן, און ביז מען האט באקומען א שטיקל ברויט, און ביז מען האט באקומען אביסל ווארימע וואסער, איז אוועקגעגאנגען צוויי שעה, היינט ברוך השם איז דאס נישט דא, היינט איז יא דא וואס צו עסן, די מניעה איז היינט נישט דא פון זוכן אביסל ווארימע וואסער מיט א שטיקל ברויט...!

*

בקיצור איז אזוי, די ישיבה טאר נישט ווערן געשטערט, די ישיבה דארף זיין - אז איר גייט אוועק פון - (סדר הערב של הישיבה) - דאס איז א קלאפ פאר די ישיבה! דאס טאר נישט זיין, א חוץ וואס ס'איז א קלאפ פאר אנדערע, בכלל טאר דאס נישט זיין, די ישיבה דארף זיין א ישיבה, און חצות - - (יכולים לתת עצה לעצמו כנ"ל).

*

רבי נתן האט געהאט א ברכה פונעם רבי'ן, אז ער האט זיך געלייגט - און באלד געשלאפן![ו] פארוואס האט ער געדארפט אנקומען צו די ברכה?! ווייל ס'מאכט זיך אזוי, א מענטש דארף אויפשטיין חצות מאכט זיך אזעלכע צייטן - - -

*

ס'וועט ווערן שפעטער אביסל (סוף החורף), וועט אייך זיין גרינגער, ווייל שפעטער וועט שוין זיין די חצות אביסל שפעטער, ווערט אלעמאל גרינגער אביסל!

*

- - ווער דארף וויסן אז דו שטייסט אויף חצות?! ווער דארף וויסן דערפון?! דו זאלסט וויסן אזוי, יעדער 'עבודה' - א זאך וואס ס'איז נוגע אין שלחן ערוך 'בנגלה',

---

[ו] ע' שיח שרפי קודש ב' תקנ"ב; רַבֵּנוּ בֵּירֵךְ אֶת מוֹהַרְנַ"תְ שֶׁבְּכָל עֵת שֶׁיִּרְצֶה לְהֵרָדֵם יֵרָדֵם תֵּיכֶף וּמִיָּד, וְכֵן נִתְקַיֵּם בּוֹ שֶׁאֲפִלּוּ שֶׁיִּתְמַהְמַהּ בְּשֵׁינַת הַלַּיְלָה היה זהיר לִישׁן עכ"פ מְעַט כְּדֵי לָקוּם וּלְהִתְעוֹרֵר בְּעֵת חֲצוֹת, וְתֵיכֶף כְּשֶׁהֵנִיחַ אֶת רֹאשׁוֹ לִישׁוֹן נִרְדַּם תֵּיכֶף וּמִיָּד.

א סעיף אין שלחן ערוך, בין איך מחויב האבן מסירת נפש, מען האט דאך מקבל געווען די תורה! (אבער) א זאך וואס איז שוין אביסלע א מין 'נסתר' זאך, א מין 'עבודה', ברענגט דער 'בני יששכר' - ברענגט מען זאל זיך זייער היטן, מען זאל נישט געוואויר ווערן דערפון, ווייל די סטרא אחרא כאפט עם ארוים!

די נקודה פון 'חצות', אז מען לייגט זיך שלאפן ווען ס'ענדיגט זיך די סדר, און מ'שטייט אויף, ווער דארף וויסן אז ער שטייט אויף חצות?! ווער דארף וויסן?! מען דארף קלינגען מיט א גלאק?! מיט א גלאק קלינגען "איך שטיי אויף חצות"?! וואס דער עבודה איז מער 'פארבאהאלטן', וואס ס'איז מער 'בהסתר', 'בהצנע לכת', איז דאס מער בשלימות! האט עס מער (חשיבות) כלפי מעלה, און בכלל האט עס מער חשיבות אויך!

נאר וואס דען? ס'וועט אייך זיין שווערער, אבער ס'וועט נאר זיין א 'הרגל' פון עטליכע מאל, וועט איר ווערן מורגל!

און דאס פון 'צולייגן זיך' (אחר חצות), כמעט אלע אונזערע לייט האבן זיך צוריקגעלייגט, אלע, רבי שמשון (בארסקי זצ"ל), רבי געצי (ליובאוונע מאומאן זצ"ל), אלע האבן זיך צוגעלייגט נאך חצות!

(השואל: די יונגע האבן זיך אויך צוגעלייגט?!) אויך, אויך! אוודאי וואס דען?! אוודאי - רבי ישראל כהן עליו השלום, א איד א עובד, אלע האבן זיך צוגעלייגט נאך חצות, אלע!

מיר זענען געווען צוזאמען מיט רבי אברהם ר' נחמנ'ס אין איין חדר א גאנצע ווינטער, געשלאפן א גאנצע ווינטער, מיר זענען געווען דארטן, אלע בחורים זענען אויפגעשטאנען, אלע האבן זיך צוגעלייגט נאך חצות! פארוואס?! ס'איז נישט אמאליגע כוחות, וואס מען קען אויפזיין א גאנצער נאכט, און נאכדעם (לעבוד את השם במח רגוע) - -

*

נאך א זאך, די וואס זענען אויף א גאנצע נאכט, האבן נאכ'ן דאווענען געשלאפן, ס'איז דאך ווייטער א ישיבה! מען קען דאך נישט גיין שלאפן אינדערפרי, און ביז צעהן אזייגער - עלעף אזייגער שלאפן אינדערפרי נאכ'ן דאווענען, קענסט דאך אויך נישט!

און די וואס האבן יא געוועזן אזוי, זיי האבן זיך נישט צוגעלייגט נאך חצות, זענען בייטאג געשלאפן א שינת קבע, איז אויך נישט אזוי גלייך עפ"י שלחן ערוך[ח], בייטאג שלאפן איז אויך נישט אזוי גלייך - - היטן זיך פון שלאפן בייטאג, עפ"י זוהר[ט] קומט אוים אז בייטאג זאל מען נישט שלאפן! איז בעסער שוין זיך צולייגן זיך (אחר חצות)!

אפילו ווען איך זאל האבן א בחירה ביי זיך, איך זאל האבן די ברירה ביי זיך, איך בין נישט קיין ישיבה מאן, האב איך בחירה צו זאל איך זיך צולייגן דריי שעה נאך חצות, אדער צולייגן זיך דריי שעה נאכ'ן דאווענען, איז בעסער דריי שעה נאך חצות! ווייל בייטאג איז נישט אזוי כדאי צו שלאפן, בייטאג אזוי אויפ'ן טיש כאפ איך א דרימל, אבער צולייגן זיך א שינת קבע בייטאג איז נישט אזוי כדאי!

*

איז איך זאג אייך וואס איך האב געזעהן, איך בין געוואקסן געווארן אין אומאן, איך בין געקומען אלס א אינגעל דארטן (בבחרותו), איך בין אלע יארן דארטן געוואקסן געווארן, כל ימי גדלתי בין החכמים ובין העובדים...! 'כל ימי'! - מען האט זיך אלע צוגעלייגט נאך חצות, פארקערט דער עיקר שינת קבע איז געווען נאך חצות!

*

איך ווייס אז די ערשטע טעג וועט אייך זיין אביסל שלעפעריג די חצות, איר וועט דאך ווינציגער שלאפן פאר חצות, אבער נאכדעם וועט ווערן א הרגל, אזא הרגל וועט ווערן נאכדעם, אז אפילו (אם תרצו שוב לשנות מזה) - - וועט אייך באמת זיין שווער! דער גוף ווערט אזוי מורגל, דעם גוף קען מען געוואוינען!

*

כמעט א חלק פון מיין פארן (מירושלים לבני ברק), איז ווייל איך האב געוואלט רעדן מיט אייך! ס'איז שוין אזוי ווייט אנגעקומען, מען האט שוין געוואלט לויפן צום טאט'ן (דערציילן)...

---

[ח] עי' שו"ע או"ח סי' ד' סעיף ט"ז, ושם בסי' רל"א.

[ט] עי' שערי תשובה או"ח סי' ד' סוף ס"ק י"ז בשם הברכ"י.

זאג איך אייך נאכאמאל, אז איר זאלט עס אזוי טוהן, איר זאלט נישט מאכן קיין שום שינוי אין די ישיבה! גלייך מיט אלע! און איר וועט זעהן אז די חצות וועט האבן מער שלימות אויך, אי 'כלפי מעלה' - און 'איר אליין', שפעטער וועט איר אליין זאגן אז ס'איז בעסער אזוי!

מען דארף נישט זיין אויסנאם פון אלע! איך שטיי אויף חצות, און איך האב נישט קיין שייכות מיט קיין ישיבה, די עבודה האט נישט קיין שלימות! ס'איז מיט א פרסום! וואס ס'איז מער מיט 'הצנע לכת' (יש לו יותר שלימות) - -

"מה ה' דורש ממך, כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלקיך"[י], דער אויבערשטער וויל נאר איך זאל זיין 'הצנע לכת'!

(עס ווערט געברענגט)[יא] די טייטש; 'זוכר כל הנשכחות' - דער אויבערשטער געדענקט די אלע זאכענישן, וואס דא ווערט פארגעסן - געדענקט ער דאס אויבן! וואס מען פארגעסט דא, ס'איז פארבאהאלטן - געדענקט מען דאס אויבן! אבער א זאך וואס איך געדענק עס דא, פארגעסט מען דאס אויבן!!

וואס מען קען אויספירן אז מען זאל זיין מערער - איך זאל נישט זיין אפגעפרעגט פון אלע, גלייך מיט אלע, (אז יש לזה יותר שלימות)!

מען קען אנקוקן אזא רבי אברהם ר' נחמנ'ס, ער איז געווען גלייך אזוי ווי אלע! אלס יונגערמאן, בימי חורפו, איז ער געגאנגען דארט אין וואלד אריין א גאנצע וואך, אבער אזוי (בהצנע)!

א 'איש כשר' איז א 'ענין אחר לגמרי',[יב] מיינט עס אז דערפאר קען מען עפעס אויפ'ן פנים?! פארקערט, דער איש כשר איז אזוי פארבאהאלטן! ער פארבאהאלט

---

[י] מיכה ו' ח'

[יא] עי' עשר קדושות, מערכת ז' (- רי"צ מראזלא) אות כ'.

[יב] עי' בשיחות שבסו"ם ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז, וז"ל; ... כִּי יֵשׁ טוֹעִים סוֹבְרִים, שֶׁצְּרִיכִין לְהַכִּיר אֶת הַצַּדִּיק אוֹ שְׁאָר דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, לְהַכִּירוֹ בְּפָנָיו בְּצַלְמוֹ וּדְמוּתוֹ, שֶׁיִּהְיֶה מְשֻׁנֶּה בִּדְמוּתוֹ וּבִתְנוּעוֹתָיו דַּיְקָא. וּבֶאֱמֶת לֹא כֵן הוּא, כִּי הַצַּדִּיק הוּא בִּדְמוּת וְצֶלֶם כְּכָל הָאֲנָשִׁים וְאֵין בּוֹ שׁוּם שִׁנּוּי, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, וּשְׁאָרֵי בְּנֵי־אָדָם אֵינָם בִּדְמוּתוֹ כְּלָל בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁאִישׁ הַכָּשֵׁר נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ עִם כַּרְכָּשׁוֹת וְדַקִּין כְּמוֹ שְׁאָר בְּנֵי־אָדָם, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי...

זיך אזוי, מיט אלע מיני חכמות, מיט אלע מיני התחכמות'ן וויל ער זיך פארבאהאלטן מען זאל נישט - - (דערקענען אויף איהם קיין שום שינויים)!

רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז געגאנגען מיט א שמייכל (בפשיטות) - ווער ווייסט אז דאס איז אזא מין צדיק?! פארוואס? ווייל אזוי איז דער וועג! דער וועג איז, איך זאל זיך - בפועל ממש קוק איך אוים אזוי ווי אנדערע, און בפנימיות האב איך אינזינען עפעס אנדערש!

*

איר זאלט נישט מאכן קיין שום שינוי אין דעם סדר פון אנדערע! נאר וואס דען, דאס יא - אז מען ענדיגט דעם סדר, צו אפילו א האלבע שעה פריער, האלב צעהן שוין, ליין איך שוין קריאת שמע, לייג איך מיך שלאפן, אין די אנדער-האלבן שעה וואס איר קענט שלאפן פאר חצות, און די ערשטע טעג העט עס זיין שלעפעריג, איר וועט זיך אויפכאפן זיך באלד, אבער נאכדעם וועט איר ווערן א מורגל, ווארום דער שלאפן פון שפעטער וועט (משלים זיין) - -

*

זאג איך אייך, דערצייל איך אייך, אזוי איז געווען! איך האב געזעהן א עובדא ביי גרויסע עובדים, זיי האבן זיך אזוי געפירט זיך, זיי האבן איינגעטיילט דעם שלאף האלב אויף האלב, נו זיי זענען דאך געווען אייניגע מענטשן (- כל אחד בפני עצמו), איז געווען האלב אויף האלב, דריי שעה פריער און דריי שעה שפעטער, און ביי אייך וועט זיין צוויי שעה פריער און פיר שעה שפעטער, פיר-אהאלב שעה שפעטער!

*

(השואל: אינדערפרי פלעגט מען דאווענען ותיקין? די וואס פלעגן זיך צוריקלייגן שלאפן האבן געדאוונט ותיקין?) ווינטער אוודאי, ווינטער האבן אלע געדאוונט ותיקין! זומער איז דארט קיין חצות נישט דא, די נאכט דערהאלט נישט קיין זעקס שעה, אין חוץ לארץ איז נישט דא, אין אמעריקע ווייס איך נישט, אין רוסלאנד איז נישט געווען קיין חצות זומער, נאכט ווערט האלב ניין - ניין אזייגער, און האלב צוויי טאגט שוין! איז ער נאכט פיר אהאלב שעה! פון 'שבועות' ביז 'תשעה באב' איז דארט נישט דא קיין חצות!

פון 'שכבי' ביז 'קומי'[יג], שבועות איז 'שכבי', און תשעה באב איז 'קומי' - 'קומי רוני בלילה', פון שכבי ביז קומי איז דארטן נישט דא קיין חצות, ראש השנה צייט איז שוין דעמאלטס דא מערער.

*

(השואל; אנדערע פרעגן צו ס'איז דוחה ותיקין, אויפשטיין חצות און נישט דאווענען ותיקין?)

חצות איז העכער פון ותיקין! די נקודה פון חצות איז העכער פון ותיקין! אויב למשל א מענטש האט נישט געקענט אויספירן בײדע, איז חצות העכער! אז ער קען אויספירן בײדע - איז אוודאי גוט, טאמער נישט - איז חצות העכער!

מען רעדט דאך קעגן זומער, איצטער איז דאס נישט שייך, איצטער קען מען דאך שלאפן פיר אהאלב שעה (נאך חצות)!

ווען דאווענט מען דא? (הבחורים; זיבן אזייגער), קען מען שלאפן ביז זעקס! פון האלב צוויי ביז זעקס קען מען שלאפן פיר אהאלבן שעה! מען דארף זיין א זריז, נישט קיין עצל! וויבאלד איך האב געענדיגט חצות, לייג איך זיך שוין שלאפן! און זעקס אזייגער - 'וואסער', 'מקוה', און 'הודו' - קען מען שוין אנטוהן די טלית ותפילין, קען מען שוין אנטוהן די תפילין און דאווענען!

דאווענען איז דאך אויך אן עבודה! עס שטייט אין די אר"י הקדוש[יד] אז דער עיקר הארה פון תפילין הייבט זיך אן ביי 'חצות', נו דער חצות דארף געבן א זריזות פאר דעם דאווענען אינדערפרי!

---

[יג] עי' ב"ח על הטור או"ח סי' רל"ח (הובא במג"א שם, ובבאר היטב סי' א' סק"ו) וז"ל; האחרונים קיבלו לומר, מ'שכבי' עד 'קומי' - שכבי, ומ'קומי' עד 'שכבי' - קומי. דמחג שבועות שאומרים מגילת רות, שכתוב בה (ג' י"ג) 'שכבי עד הבוקר', עד תשעה באב שאומרים מגילת איכה, שכתוב בה (ב' י"ט) 'קומי רוני בלילה לראש אשמורות' - שכבי, דאין צריך לקום קודם אור הבוקר כדי ללמוד תורה, כיון דהלילות קצרים. אבל מתשעה באב שאומרים 'קומי' עד חג השבועות שאומרים 'שכבי' - קומי, חייב לקום קודם אור הבוקר בראש אשמורת ללמוד, כיון דהלילות ארוכים, עכ"ל.

וז"ל בלקוטי עצות, ערך חצות אות ו' (והוא עפ"י שיחות הר"ן סי' ש"א); עִקַּר עֲבוֹדַת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא בַּחֹרֶף, לִזָּהֵר לָקוּם בַּחֲצוֹת לַיְלָה. וּבַקַּיִץ בְּעֵת שֶׁהַלַּיְלָה קְצָרָה מְאֹד פָּחוֹת מִשֵּׁשׁ שָׁעוֹת, שֶׁאָז אֵין עוֹמְדִין בַּחֲצוֹת (כַּנַּ"ל אוֹת ג'), אָז יִזָּהֵר לַעֲמֹד בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר.

[יד] פרי עץ חיים, תפלין פרק ז'. מובא בלקוטי הלכות כמ"פ, עי' שם בהל' תפילין ו' אות ו', ועוד.

כאטש א שעה פאר הודו - גיך אראפ גיין אין 'מקוה', און מ'דאווענט פון פארנט, און 'תפילין', נישט איך זאל דארפן לויפן דעם 'הודו', ווען מען האלט שוין דארטן - איך וויים דארטן - ביי 'פסוקי דזמרה', (נאר) אנהייבן הודו גלייך (מיט אלעמען), און דאווענען מילה במילה![טו]

"דעם רבי'נס זאך איז תפילה"[טז], דער עיקר תפילה איז די דריי תפילות, דאס איז דער עיקר תפילה! די אלע עבודות וואס מען האט אין זיך, איז אז מען זאל קענען דאווענען די דריי תפילות! - - (אלע עבודות) פארוואס?! כדי עס זאל קענען זיין דריי תפילות!

*

(השואל: אז מען שטייט אויף אזוי, איז בעסער צו גיין אין מקוה, פאר חצות צו פאר'ן דאווענען?) פאר חצות? בעסער איז פאר'ן דאווענען!

רבי נתן דארטן אין די צייטן פון די מחלוקת, איז ער געגאנגען צוויי מאל אין מקוה, ביי חצות און פאר'ן דאווענען, דעמאלטס איז געווען אה אה!

(השואל: און פאר די מחלוקת?) פאר די מחלוקת איז ער געגאנגען נאר פאר'ן דאווענען!

דא וועט דאך אויסקומען אז דער עיקר דיין שלאף וועט זיין נאך חצות, קומט דאך אוים - דאווענסטו אָן מקוה?! אז דער עיקר שלאף איז נאך חצות, ווילסטו דאך נאכ'ן שלאף גיין אין מקוה!

*

(השואל: אז מען איז אויף א גאנצע נאכט, ווען איז בעסער צו גיין אין מקוה?) פאר'ן דאווענען!

א גאנצע נאכט זאלט איר נישט אויף זיין! היינט איז נישט דא די מוחות, אז מען איז אויף א גאנצע נאכט - די קאפ ווערט שוואך, און די דאווענען קען נישט זיין

---

[טו] שו"ע או"ח סי' נ"א סעיף ח'; אין אומרים הזמירות במרוצה כי אם בנחת. ובבאה"ט שם; במרוצה, שלא ידלג שום תיבה ולא יבליעם אלא יוציא מפיו כאילו מונה מעות, ד"מ.

[טז] עי' בשיחות שבסוף ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' צ"ג.

מיט אזא כוונה, מען כאפט נאך א דרימל אינמיטן דאווענען, מען קען נישט דאווענען בכוונה!

*

- - מ'דארף דאווענען פסוקי דזמרה מילה במילה, ס'איז דא א מגן אברהם[יז] ס'זאל געדויערן א 'האלבע שעה'! פסוקי דזמרה - א האלבע שעה! קעגן דארטן הפסק דארטן, אז דער עיקר שיעור איז א האלבע שעה, פסוקי דזמרה דארף געדויערן א האלבע שעה! אז מען זאל דאווענען מילה במילה.

*

בקיצור אזוי, אזוי זאלט איר טוהן, און איר וועט זעהן דער אויבערשטער וועט אייך העלפן, איר וועט האבן הנאה דערפון, ס'וועט זיין מער א שלימות, און איר וועט נישט זיין קיין אויסנאם!

אזוי האט געזאגט די 'שונמית' צו 'אלישע'; "בתוך עמי אנכי יושבת"[יח], איך וויל זיין גלייך מיט אלע, איך וויל נישט זיין קיין אויסנאם! "היש לדבר לך אל המלך"?! ניין! - 'בתוך עמי אנכי יושבת'! א מענטש דארף ווי ווייט ער קען זעהן אז ער זאל נישט זיין קיין אויסנאם! ער איז ווער ער איז, און פון אויבן איז ער גלייך מיט אלע! איך בין נישט אנדערש פון אלע.

"דער און דער" גייען שלאפן פינף אזייגער און שטייען אויף חצות! דאס רעדט מען אין אלע ווינקעלעך, א רעש, א קאך, דאס איז נישט - - - אז איך דארף טוהן א זאך, דארף איך נישט טוהן א זאך אז ס'זאל - - - (זיין בפרסום).

איך קען אמאל איבערבלייבן נאך מעריב עטליכע מינוט, איך רעד דארט מיט עמיצן (ואח"כ הולך בזריזות כדי שיוכל לקום בחצות), שמואל צ'צ'יק זאגט שוין; "אה, ער לויפט שוין אוועק שלאפן, ער וויל שוין אויפשטיין חצות"!... איך געב א לויף נאכ'ן דאווענען, זאגט ער שוין איך וויל אויפשטיין חצות...

---

[יז] או"ח סי' נ"ג ס"ק ה'.

[יח] מלכים-ב' ד' י"ג, עי' זוה"ק פרשת ויצא דף ק"ס ע"ב. (ועי' ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעודה ו' אות פ"ט).

קענן וואס זאג איך עם אייך?! ווי ווייט דער מענטש קען - דארף ער זעהן מיט אלע מיני כוחות ווי ווייט ער קען זיין - אז זיין עובדא וואס ער טוהט זאל זיין מיט 'הצנע לכת', נאר בהצנע לכת!

*

איך ווייס? טאמער אן אנדערער זאגט אייך אנדערש - ווייס איך נישט! אבער איך בין ברוך השם געוואקסן געווארן דארטן, האב איך געזעהן די אלע, מען האט געהארעוועט דערויף, מען זאל זיין פארבאהאלטן - זיך פארבאהאלטן.

*

ס'איז א 'בעל שם' געווען - - רבי ישראל דער בעש"ט, דעם רבי'נס זיידע, און ס'איז געווען א בעל שם פריער - 'רבי אדם'! אסאך יארן פריער, דער רבי אדם'ס טאטע, האט געוואוינט אין צפת, אזוי האב איך געהערט, ער איז געווען א געוואלדיגער - - א פראסטער מענטש (איש פשוט), אין די וועלט האט ער געהייסן א פראסטער מענטש, אבער ער איז נישט געווען א פראסטער מענטש!

ער האט געטוהן עפעס א מצוה - האט ער געטוהן, און קיינער האט פון די מצוה נישט געוואוסט, אין דעם עולם האט קיינער פון די מצוה נישט געוואוסט![יט] איז אויבן געווארן א רעש; אזא מצוה טוהן, און קיינער ווייסט נישט פון דער מצוה, קיינער ווייסט נישט פון דער מצוה?!

איז געבליבן, אז מען וויל איהם געבן פאר די מצוה א זאך! האט מען געשיקט אליהו הנביא צו איהם, אליהו הנביא איז געקומען צו איהם, זאגט ער; נו גוט, וואס ווילט איר?! (ענה לו אליהו הנביא); אזוי ווי איר האט געטוהן אזא מצוה, און קיינער ווייסט נישט פון דער מצוה, אז די וועסט מיר אויסזאגן פון די מצוה וועל איך קומען אלע נאכט לערנען מיט דיר! זאגט ער; איך וויל נישט דו זאלסט לערנען מיט מיר! איך וויל דיר נישט דערציילן די מצוה, קום נישט לערנען!! - - וואס הייסט? איך וועל קומען צו דיר?! - - ניין! איך וויל נישט!!

איז געווארן נאך מער רעש אויבן, אליהו קומט צו איהם אין שטוב אריין, וויל מיט איהם לערנען אלע נאכט, ווער האט אזא זכיה?! זעהן אליהו בהקיץ! און

---

[יט] עי' שיח שרפי קודש, חלק ח' אות רצ"א.

'לערנען' וויל ער נישט?! איז געווארן א רעש אויבן, 'אזא פארבאהאלטנער'! וועט מען איהם געבן א זוהן וואס ער וועט שוין זיין - ער וועט שוין רעש'ן אויף דער וועלט! האט ער געהאט דער 'רבי אדם'.

פארוואס? ווייל ער האט געטוהן אזא מין זאך! אזא מין הצנע לכת האבן אין זיך, אז מען שיקט איהם שוין אליהו הנביא אז ער זאל לערנען מיט איהם אלע נאכט, עפעס א קלייניגקייט?! ווער איז זוכה דערצו?! האבן גילו אליהו אלע נאכט?! אבער ניין, איך וויל נישט דערציילן!

דער אויבערשטער זאל העלפן!

*

ס'איז פארהאנען אמאל - מען הענגט איהם אָן א פעקל, מען הענגט איהם אָן פירסום אויפ'ן קאפ! אבער דער מענטש מצדו, ווי ווייט ער קען, דארף ער זעהן אסאך בעהטן דעם אויבערשטן ביי התבודדות; "טאמער טוה איך עפעס א זאך, זאל נאר וויסן דער אויבערשטער אליין"! ווי ווייט איך קען.

ס'איז דא אמאל א חבר דארטן, צוויי חברים רעדן דארט אין אידישקייט, אפילו צוויי חברים דארף אויך דער אנדערער נישט וויסן די עצם עבודה, אפילו צוויי חברים!

נאר חברים דארף מען אויף 'חיזוק', מען שטארקט זיך (ביחד), רייסן זיך מער, אבער אויב כאפ איך עפעס ארויס א נקודה טובה - דארף איך יענעם נישט דערציילן! אפילו ער איז מיר א חבר, א חבר דארף איך איהם אויך נישט דערציילן!

בכלל דארטן - אז מען האט דארטן שיעורים צוזאמען, ווייסט מען איינער פונעם אנדערן, אבער אז איך האב עפעס א גוטע זאך (לעצמי) - - דארף איך אויך יענעם נישט דערציילן!

דאס הייסט 'בהצנע לכת', דאס איז דער שלימות פון א אידן, זיין נאר 'עם אלקיך', 'והצנע לכת עם אלקיך', נאר מיטן אויבערשטן זאלסטו זיין! דאס איז דאס!

*

(השואל: אפשר איז בעסער אויפשטיין פארטאגס, ווי זיך צוריקלייגן נאך חצות?) **אה, דאס** איז שוין געווען א שמועס פון גדולים ביי אונזערע לייט, און ס'איז ארויס דער בירור אז חצות איז בעסער!

דאס איז א 'סייעתא דשמיא', דאס איז א מין 'עת רצון'[ב], די צווייי שעה (של חצות)! העט איר האבן גאנצע צווייי שעה איז אוודאי גוט, וועט איר האבן אנדער-האלבן שעה איז אויך זייער גוט, איר זאלט האבן א חלק אין די צווייי שעה! אין די וואס ס'איז 'הצלחת הנפש'!

*

(השואל: די נקודה פון חצות הייסט ביים 'אנהויב'?! וואס הייסט די 'נקודה' פון חצות?) **דער** רבי זאגט אז עס ציהט זיך אוועק 'צווייי שעה', דער אנהייב איז דער 'אנהייב', (נאר) עס ציהט זיך אוועק צווייי שעה!

*

רבי אברהם ר' נחמנ'ס איז געווען א קראנקער מענטש, 'חולי מעים', ער איז אויפגעשטאנען - ער האט אפגעהיט די צייט - און אפגעזאגט חצות, אביסל התבודדות, און ער האט זיך ווייטער צוגעלייגט!

(השואל: אלעם דארטן אין צימער?) יא, ס'איז געווען א צימער, געווען גרוים האלב פון דעם צימער, און האלב איז געווען מיט 'שניי' פול, און דער גאנצער צימער איז געווען פול מיט פראסט, מיט אייז, ביינאכט איז צוגעפרוירן געווארן די פיס צו דעם באנק, איך האב נישט געקענט אפרייסן די פיס, ס'איז פארפרוירן געווארן, אזא צימער איז געווען!

מיט וואס האט מען זיך איינגעדעקט? מען האט זיך איינגעדעקט אליין! (בלי שמיכה) - - אליין דעקט ער זיך אין אליין, ער ווארעמט זיך אליין, ברוך השם ס'איז געווען!...

אבער קענגן וואס רעד איך דא? ס'איז געווען א קביעות - ביי אונז איז געווען נאך שווערער די צולייגן זיך, א מענטש אז ס'איז איהם קאלט - אז ער איז שוין נישט פארשלאפן אביסל, מיט וואס זאל ער זיך צודעקן?! ער האט זיך נישט מיט וואס

---

[ב] בלקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט: חֲצוֹת הוּא מְסֻגָּל כְּמוֹ פִּדְיוֹן, כִּי הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים וכו', עיי"ש.

צוצודעקן, איז זיך די צולייגן שווערער געווען! פונדעסטוועגן האט מען זיך צוגעלייגט! פארוואס? מען האט נישט געקענט - - רבי אלחנן (ספעקטאר זצ"ל) האט מיר געזאגט אמאל פונעם חוזה, דער חוזה איז זיינער א זיידע, אז דער חוזה פלעגט זיך צולייגן נאך חצות, צו זיין פרישער צום דאווענען!

*

אז דער אויבערשטער וועט אייך העלפן, איר וועט שוין זיין מענטשן ביי זיך, חתונה האבן - זיין א 'אדם השלם' ביי זיך, איר וועט שוין קענען אויסשטעלן די צייטן ביי זיך אליין, וועט איר קענען - -

דעמאלטס איז אויך דאס איינענע, האט מען דאך עיכובים מיט א 'כולל', איז דאך אויך דאס איינענע, א כולל ענדיגט זיך זיבן אזייגער - די כולל, מען דארף דאך האבן פרנסה, אין דעם איז אויך דא נסיונות, נאך דער חתונה איז אויך דא נסיונות מען זאל קענען אויספירן צו האבן דעם גאנצן שלאף!

אוודאי, אז מען קען אויספירן, אָפּעסן פאר נאכט, און דאווענען מעריב ביי צאת הכוכבים, און מען שלאפט זעקס שעה, קען מען שלאפן זעקס שעה פריער, שוין - האב איך א גאנצן טאג פאר מיר!

דאס איז אלץ גערעדט געווארן ווען מען האט נישט קיין ישיבה נאך א חתונה, און מען האט פרנסה מצד אחר, איך דארף נישט זיין בטל צו דער כולל, קען מען דעמאלטס פירן ביי זיך, אבער דערווייל איז דאך אלץ שווער!

רבי שמואל שפירא'ס איידעם (הרה"ח ר' אנשיל פוקס שליט"א), דער נייער איידעם, ער לערנט אין סאטמאר, דארטן לערנט מען ביז אכט אזייגער, דריי פערטל אכט דאווענט מען מעריב, ער קען נישט גיין שלאפן פריער פאר ניין, פון דארט נעמט ער פרנסה, [דארט נעמט מען נישט אריין יעדעם איינעם, ווייל ער האט דארט געלערנט אין די סאטמאר'ע ישיבה אין אמעריקע, לערנט ער שוין דא אויך אין סאטמאר'ע ישיבה] איך זאג נישט, קען זיין אז דער אויבערשטער העלפט מצד אחר, איז שענער ווי איהם.

אבער דערווייל וואס איך בין אין א ישיבה, סיי איך בין אין א כולל, מוז מען מאכן די סדרים אנדערש![כא] דער עצם זאך דארף זיין ביי מיר א יסוד - דער 'חצות', אבער דער 'פאר' חצות און 'נאך' חצות, איז שוין געוואנדן וויאזוי די סיבובים גייען, פארשטייסט?!

*

(השואל; עס שטייט פונעם רבי'ן ר' אלימלך, אז ס'גייט נישט ארויף די תפילות פאר חצות?)[כב]

יא יא! פונדעסוועגן ווייס איך נישט צו דער רבי ר' אלימלך, צו בחור-ווייז האט ער אויך אזוי געטוהן, דאס ווייס איך נישט, בחור- ווייז איז געווען עפעס אנדערש קען זיין...!

מען ווייסט אז רבי נתן, אז ס'איז געקומען צו איהם מענטשן, האט ער גערעדט מיט זיי, פארבראכט מיט זיי - -

נאך א זאך, רבי נתן האט זיך נישט געלייגט שלאפן ביז די קינדער זענען געקומען פונעם חדר, און ער האט געגעסן מיט זיי צוזאמען נאכטמאל!

אין אוקריינא נאך צעהן הייבט זיך שוין אן חצות, פערטל נאך צעהן, אזוי ווי זומער איז פריער (טאג), אזוי דארטן די נאכט ווערט זי אויך פריער אזוי (ווינטער), האלב פינף איז שוין נאכט, און האלב עלף איז שוין חצות, און די קינדער לערנען אין חדר, ביז אכט אזייגער - אין חדר - האלב אכט, די קינדער קומען אהיים עסן נאכטמאל, ווערט שוין אכט אזייגער - האלב ניין, און נאכדעם גיין שלאפן, בלייבט נאר צוויי שעה [ביז חצות], נישט מער! אבער די חינוך פון די קינדער איז געווען ביי איהם אזוי גרויס, אז ער האט מבטל געווען (שינתו המוקדמת) - - ער האט געוואלט עסן צוזאמען מיט די קינדער!

---

[כא] [עי' בדוגמא לזה בספר עלים לתרופה מכתב ו', מה שכתב מוהרנ"ת לבנו הדרכה באופן דרך הלימוד עפ"י דעת רביז"ל, ואחר כך מסיים בזה"ל; אַךְ אִם אִי אֶפְשָׁר לְשַׁנּוֹת דַּעַת חֲבֵרְךָ, אַל תִּפְרֹשׁ מִמֶּנּוּ בִּשְׁבִיל זֶה ... אֲבָל אִם אֶפְשָׁר לְךָ לְדַבֵּר עַל לִבּוֹ שֶׁיִּלְמַד כַּסֵּדֶר כַּנַּ"ל מַה טּוֹב, וּבְוַדַּאי יַחֲזִיק טוֹבָה לִי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִם יְקַיֵּם דְּבָרַי כַּאֲשֶׁר הוֹרֵאתִיךָ].

[כב] מרגלא בפומי' דרלוי"צ ז"ל, (עי' בשיחה לפרשת תצוה תשל"ד שי"ל על ידינו), ודבר זה מובא בשער הגלגולים החדש ח"ב שנדפס ע"י בנו של בעל התפארת שלמה מראדאמסק זצ"ל, ובתוה"ד כתב בשם אביו וז"ל, ואמר בשם מגידי אמת איך שהרבי ר' אלימלך זי"ע היה ישן מתחלת הלילה עד חצות והיה אצלו סגור ומסוגר, ואמר שאז אין שום עליה לתורה ולתפלה השמימה, רק דוקא אחר חצות, עכ"ל.

*

(השואל; רבי נתן האט זיך צוריקגעלייגט נאך חצות?) יא, רבי נתן האט זיך צוגעלייגט נאך חצות!

(השואל; מען ווייסט וויפיל שעה רבי נתן פלעגט שלאפן ביינאכט?) רבי נתן האט געהאט א ברכה, ער איז נישט געשלאפן קיין סאך - רבי נתן!

מען האט געפרעגט אמאל רבי נתן, פארוואס ער שלאפט אזוי ווינציג? האט ער געענטפערט; ער איז א זריז, איז ער א זריז אין שלאפן אויך!

וואס איז א זריז? א אנדערער גייט דארטן א 'שעה', גייט ער עס אין 'צעהן מינוט', ער איז א זריז, גייט ער גיך! אז ער איז א זריז - שלאפט ער גיך! וואס א אנדערער דארף שלאפן זעקס שעה - ער האט געהאט א ברכה אינעם שלאף! דאס איז עפעס אנדערש, ער האט געהאט א ברכה אינעם שלאף!

[אז איר האט א ברכה אין שלאף? געזונטערהייט, פיין, קענט איר זיך לייגן אויף צוויי שעה פאר חצות, און האבן א ברכה אין די צוויי שעה!... אזוי ווי ס'שטייט ביים עסן; "ואכלתם לחמכם לשובע",[כג] זאגט רש"י; 'אוכל קמעה ומתברך במעיו', עסן אביסל און מען ווערט זאט, אפשר וועט ביי אייך אויך אזוי מקוים ווערן, איר וועט שלאפן צוויי שעה, און זיין זאט, אזוי ווי איינער שלאפט זעקס שעה! איר וועט האבן א ברכה אין שלאף!]

מען רעדט דאך - רבי נתן איז געשלאפן ווינציג, פארוואס איז ער געשלאפן ווינציג, רבי נתן האט געהאט א מח, און דער מח האט געארבעט! א אנדערער שלאפט ווינציג איז ער נישט אויסגערוהט, איז ער שלעפעריג!

"ישנתי אז ינוח לי"[כד], 'ישנתי אז' - 'אז' איז (בגימטריא) 'אכט', דורכ'ן שלאפן אכט שעה, 'ינוח לי' - וועל איך זיין אויסגערוהט!

א טייל זאגן אזוי, זיי זאגן פונעם 'שפת אמת' דאס, דער גור'ער (רבי זצ"ל), דער פריער'דיגער, 'ישנתי אז' - איך שלאף אכט שעה, דעמאלטס וועט מיר בלייבן

[כג] ויקרא כ"ו, ה'.

[כד] איוב ג', י"ג. עי' מגן אברהם או"ח סי' רל"ח, ובבאר היטב סי' א' ס"ק ו'.

'פערציג שעה', דאס הייסט אויף 'צוויי מעת לעת', 'אז' - אכט שעה, וועט מיר איבערבלייבן 'לי' - וועט מיר איבערבלייבן 'פערציג שעה'!

דאס הייסט, איך וועל שלאפן אין א צוויי מעת לעת 'אכט שעה', דאס הייסט שלאפן א מעת לעת 'פיר שעה'! (אחד מהנוכחים: 'דעם חתם סופר'), אסאך פלעגן שלאפן פיר שעה! און זיי זענען געווען אויסגערוהט, ס'איז פארהאנען א מח וואס ער קען שלאפן ווינציגער!

רבי ישראל כהן עליו השלום איז געווען - ער פלעגט שלאפן אסאך, אסאך געשלאפן, אבער אז ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער געארבעט! האט ער געארבעט!

דאס קען מען נישט זאגן איינער צום אנדערן, איינער אמאל דער קאפ איז איהם שוואך און קען נישט אזוי, איינער קען נישט נאכטוהן דעם אנדערן, אויך נישט מיט'ן שלאפן!

מיט דער צייט, ער הייבט זיך אן מרגיל זיין, קען ער - דער אויבערשטער זאל איהם העלפן - ער זאל האבן עפעס א הרגל, ער זאל קענען שלאפן ווינציגער, ער קען האבן א ברכה! אבער בשעת ער איז נאך נישט אזוי פארטיג, מוז ער זיך צופאסן (להמציאות)!

*

נו, איר זאלט פאלגן דאס דאזיגע, און ס'וועט זיין פאר 'אייך' און פאר די 'ישיבה', און ס'וועט האבן מער שלימות אויך! מען האט שוין אין ירושלים גערעדט אז "די און די" בחורים שטייען אויף חצות, זיי לייגן זיך (פריער פון יעדן)! - - וואס דארף מען דאס? דאס איז נישט קיין שלימות פון קיין עבודה!!

דער רבי זאגט אין דער תורה פון 'קרא את יהושע' (תו' ו'): "הכל חוקרים אחריו, מי הוא זה ואיזהו", פלעגט מען זאגן; 'אחריו' - נאך איהם דארטן, דער עיקר איז "אויבן" (בשמים חוקרים אחריו); "ווער איז ער דארט?! וואס מאכט ער אזא מין רעש אזא מין טומל?! אלע רעדן - קאכן זיך - רעדן פון איהם, וואס מאכט ער אזא מין רעש"?! זאל ער זיך פארבאהאלטן בעסער, זאל מען נישט וויסן פון איהם...!

# לרגל סיום מצות ספירת העומר וימי חג השבועות הבעל"ט, הוספנו כאן חלק משיעור שנאמר בעת נעילת החג אחרון של פסח - אחרי תשל"ו

דער איבערשטער האט רחמנות אויף אונז, ס'קומט דער זומער, אנהויב זומער האבן מיר א מצוה פון ספירה, ספירה איז דאך א ענין פון 'לטהרינו', אנהויב זומער וועט איר האבן זיבן וואכן ספירה, זיבן וואכן ספירה, ציילן ספירה, און בעטן דעם אויבערשטן 'לטהרינו מקליפותינו ומטומאותינו'! אויך א מין צוגרייט-זיך, אז מען זאל קענען איינשטיין אין דעם געוואלדיגן חמימות וואס טוהט זיך אפ אין דעם זומער, האבן מיר א 'ספירה', און א 'דריי וואכן' איז דא - און א 'אלול' איז דא אינדערמיט, זומער האבן מיר נאך מערער ווי ווינטער, א אלול, א אלול!

און ועל כולם; מיר האבן דעם רבי'ן!! מיר האבן דעם רבי'ן!!

ווער ווייסט פון ספירה?! ווער ווייסט אז ספירה איז עפעס א יסוד אין אידישקייט?! מען ווייסט גארנישט! ביי אונז איז ספירה א יסוד פון אידישקייט!

אין די צייט פון די גרויסע התנגדות, איז רבי נתן געווען דריי יאר דארטן אין נעמירוב, מען האט אים פארשיקט אויף דריי יאר, פון ברסלב קיין נעמירוב[כה].

כאטש אין נעמירוב איז ער געווען נאך פריי, אבער אונזערע לייט האבן שוין נישט געקענט אזוי קומען, די גאנצע איז דאך געווען די מסירה - אז ער מאכט א סעודה, מען קומט זיך צונויף, האט מען שוין נישט געקענט קומען אזוי מענטשן! ס'איז געקומען א צוויי דריי מענטשן, אבער מענטשן אזוי ווי ס'איז געקומען קיין ברסלב, האבן שוין נישט געקענט קומען צו רבי נתן'ען!

האט רבי נתן געזאגט; "ווען דער חולק זאל מער נישט גיווען אויפטוהן נאר דאס - וואס ער האט אונז מבטל געווען די לעצטע ספירה, און דעם אקדמות, וועט ער שוין דארטן אויכעט האבן גענוג"![כו]

איך האב געהערט אז אין ברסלב 'דער לעצטער ספירה' - גאנץ ברסלב איז געווען פול מיט פחד, אזעלכע קולות איז געגאנגען פון דער לעצטער ספירה!

---

[כה] עי' עלים לתרופה, לפני מכתב קס"א, בלשון המעתיק שם.

[כו] עי' עלים לתרופה, מכתב רכ"ג; וִימֵי הַשָּׁבוּעוֹת מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין, שָׁבוּעוֹת חָדָשׁ שֶׁלֹּא עָבַר עָלַי כָּזֹאת, זֶה כַּמָּה שָׁנִים שֶׁאֶהְיֶה מֻכְרָח לִהְיוֹת בְּנֶעמְרוֹב, וְיִהְיֶה פַּחַד מִלְּהִתְקַבֵּץ יַחַד לוֹמַר יַחַד אַקְדָּמוֹת, וְאִם לֹא מָנְעוּ הַמּוֹנְעִים כִּי אִם אֲמִירַת הָאַקְדָּמוֹת שֶׁל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁלָּנוּ, גַּם כֵּן רָאוּי שֶׁיָּבוֹא עֲלֵיהֶם מַה שֶּׁיָּבוֹא וכו'.

אז מען איז געקומען צו רבי נתן אויף שבועות, האט מען דאך שוין דארטן געציילט דער לעצטער ספירה אויך ביי רבי נתן'ען.

איך האב געהערט - גאנץ ברסלב איז געווען פול מיט פחד השם! ס'איז געווען א פחד! אזעלכע קולות איז געגאנגען פון דער לעצטער ספירה - פונעם ציילן ספירה! און ער האט דאס מבטל געווען, מען האט שוין נישט געקענט קומען צו רבי נתן'ען, ס'איז געקומען צוויי דריי מענטשן, אבער ס'איז נישט געווען דער עולם וואס ס'איז געווען.

און דער 'אקדמות', איז אויך געווען עפעס א געוואלד! דער רבי האט דאך א זאג געגעבן;[כ] "וואס אידן פארמאגן, אקדמות מיט'ן ניגון"! איז געווען עפעס א געוואלד.

מען מיינט דאך נישט צו רעדן, מען מיינט דאך צו רעדן וואספארא רפואות דער אויבערשטער שיקט אונז צו, אלע האבן דאך א מצוה פון ספירה, (אבער) מיט'ן רבי'ן האבן מיר טאקע א מצוה פון ספירה - ווייסן מיר אז ספירה איז א צייט צום אויבערשטן דאס אויסשרייען!! נישט נאר בשעת ספירה, נאר אין דעם גאנצן טאג געדענקען אז ס'איז דא א ספירה! אינזינען האבן בייטאג אז ס'איז דא א ספירה!

וואס איז ספירה? טעג פון ז' נקיים[כח]! מען דארף האבן ריינע טעג! פאר קבלת התורה דארף מען האבן זיבן ריינע וואכן, זיבן ריינע טעג, מען האט עפעס א שייכות מיט'ן מצוה!

מיר זעהען, מען כאפט ארוים - דורכ'ן רבי'ן זענען מיר אומעטום רייך! ווי מען גיבט זיך א ריר איז מען אלץ רייך! און די וועלט האט דאס נישט, מען האט דאס נישט, זיי האבן די מצוה, זיי האבן נישט דעם געפיל פון דער זאך - האבן זיי נישט!

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **אהרן נזרי** הי"ו
לאנדאן יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו הבה"ח בנימין משה ני"ו למזל טוב**

מוה"ר **מרדכי בוידעק** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בנו הבה"ח דוב ני"ו למזל טוב**

מוה"ר **שלמה יצחק ליכטער** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון ישראל וואלטער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב**

[כ] עי' אבני"ה ברזל, שיחות וספורים מרביז"ל אות כ"ג, והוא עפ"י שיחות הר"ן סי' רנ"ו.

[כח] זוה"ק פרשת אמור דף צ"ז ע"ב, מובא הרבה בלקוטי הלכות.